# פרימיום פאסט סערוויס אפליקאציע פאר פארלאנגען א ניו יארק סיטי געבורט סערטיפיקאט

נוצט דעם בויגן בלויז אויב איר ווילט פארלאנגען א ניו יארק סיטי געבורט סערטיפיקאט דורך פרימיום פאסט סערוויס. באזוכט nyc.gov/vitalrecords צו וויסן ווי לאנג עס נעמט צו ווערן גרייט, וואו עס האלט אינעם פראצעדור און סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע.

(ביטע שרייבט קלאר און פילט עס אויס נאר אין ענגליש. איבערזעצונגען פון דעם בויגן זענען דא אנליין בלויז אויף צו איבערקוקן.)

## ווער קען זיך איינגעבן פאר א ניו יארק סיטי געבורט סערטיפיקאט?

- זיך צו קענען איינגעבן פאר א געבורט סערטיפיקאט, מוזט איר זיין דער מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט און צום ווייניגסטנס 18 יאר אלט, אדער די עלטערן אדער לעגאלע גארדיען פון דער מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט.
- די מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט מוז האבן געבוירן אין די פינף בעראוס פון ניו יארק סיטי (Staten Island און ,Bronx, Brooklyn, Manhattan, Queens).
- אויב איר זענט אן אדוואקאט וואס געבט אריין א פארלאנגט אין נאמען פון א קליענט, זאלט איר נישט נוצן דעם בויגן. אנשטאט דעם, זאלט איר נוצן די Attorney Protocol for NYC Birth Certificates (אדוואקאט פראטאקאל פאר א ניו יארק סיטי געבורט סערטיפיקאט) בויגן, וואס מען קען באקומען אויף on.nyc.gov/birth-certificate-attorney.

## וויאזוי קען איך פארלאנגען א ניו יארק סיטי געבורט סערטיפיקאט?

- **ערשטע שריט:** גייט צו בלאט 3 און פילט אויס אלע נויטיגע אינפארמאציע אין די ערשטע און צווייטע טייל. לאזן פראגעס ליידיג וועט צוברענגען אז אייער פארלאנג זאל נעמען לענגער צו ווערן פראצעסירט.
- **צווייטע שריט:** וועלט אויס די סיבה פארוואס איר פארלאנגט א געבורט סערטיפיקאט אין די דריטע טייל. די סיבה וואס איר וועלט אויס וועט באשטימען אויב איר וועט באקומען א קורצע פארמאט געבורט סערטיפיקאט אדער א לאנגע פארמאט געבורט סערטיפיקאט. מערסטנס מענטשן דארפן א קורצע פארמאט געבורט סערטיפיקאט, וואס מען קען נוצן פאר דאמעסטישע צוועקן אין די פאראייניגטע שטאטן, אזוויי צו באקומען א דרייווער'ס לייסענס אדער אן אמעריקאנער פאספארט.
  - אויב איר פארלאנגט א געבורט סערטיפיקאט און איר דאפט אן אפאסטיל (סערטיפיקאט פון אויטאריזאציע), וועלט אויס אז איר ווילט א לאנגע פארמאט געבורט סערטיפיקאט. איר וועט באקומען א לאנגע פארמאט געבורט סערטיפיקאט צוזאמען מיט א בריוו פון עקסעמפליפיקאציע, וואס איר דארפט נעמען צו ווערן נאטאריזירט ביי די קאונטי קלערק אפיס. איר קענט נאכדעם נוצן די לאנגע פארמאט געבורט סערטיפיקאט און די בריוו פון עקסעמפליפיקאציע צו באקומען אן אפאסטיל. אפאסטילס ווערן געגעבן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו סטעיט.
- **דריטע שריט:** נאטאריזירט בלאט 5. מאכט זיכער צו אונטערשרייבן און לייגן דעם דאטום אויף דעם בויגן.
- **פערטע שריט:** איר מוזט אריינגעבן א קלארע קאפיע פון אייער יעצטיגע (נישט אויסגעלאפענע) און אונטערגעשריבענע בילד אידענטיפיקאציע (ID). קאפיעס פון אייער ID מוזן זיין קלאר. קוקט אויף בלאט 2 צו זען וועלכע סארטן ID'ס זענען בארעכטיגט און וואס איר קענט אריינגעבן אין פאל וואס איר האט נישט א יעצטיגע בילד ID.

## פרייזן און פאסט אנווייזונגען

- די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון העלט און גייסטישע היגיענע רעכנט $15 פאר יעדע געבורט סערטיפיקאט וואס מען בעט. מען קען באשטעלן נישט מער פון דריי קאפיעס.
- פרימיום פאסט סערוויס האט א פראצעסירונג קאסט פון $7.50.
- שטעלט אויס אייער טשעק אדער מאני ארדער צו: **NYC Department of Health and Mental Hygiene**. קעש אדער סטארטער טשעקס וועלן נישט ווערן אנגענומען. אויב איר געבט זיך איין פאר א געבורט סערטיפיקאט פון אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן, דארפט איר האבן אן אינטערנאציאנאלע מאני ארדער ארויסגעגעבן דורך אן אמעריקאנער באנק אין אמעריקאנער דאלארן.
- שיקט אייער אויסגעפילטע און נאטאריזירטע אפליקאציע, קאפיע פון אייער יעצטיגע בילד ID און געלט (טשעק אדער מאני ארדער) אויף פאסט צו די אדרעס וואס שטייט אויף בלאט 5.
- געבורט סערטיפיקאטן וועלן נישט קענען געשיקט ווערן אויף פאסט צו אדרעסן וועלכע האבן דעם טיטל "in care of".
- **באשטעלט עס אנליין:** אויב איר ווילט אייער אפליקאציע זאל ווערן פראצעסירט שנעלער, באזוכט vitalchek.com. אנליין באשטעלונגען ווערן פראצעסירט ביז 72 שעה אויף וואכן טעג, און מען קען נוצן UPS עקספרעס פאסט דעליווערי. בלויז דער מענטש אדער עלטערן וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט קען עס באשטעלן אנליין.

| טאוול 1. ID פאדערונגען | |
|---|---|
| **קאטאגאריע 1: אידענטיטעט דאקומענטן** | |
| געבט אריין **איינס** פון די פאלגנדע אידענטיטעט דאקומענטן. די דאקומענטן מוז פארמאגט אייער בילד און אונטערשריפט און טאר נישט זיין אויסגעלאפן. | |
| דרייווערס לייסענס אדער נאן-דרייווערס ID קארטל | יוניווערזיטעט אדער קאלעדזש ID מיט א יעצטיגע טראנסקריפט |
| ניו יארק סטעיט בענעפיט קארטל | ארעסטאנט ID מיט יעצטיגע באפרייאונגס פאפירן |
| אמעריקאנער אדער אויסלענדישע פאספארט מיט אן אונטערשריפט | ארבעט ID מיט יעצטיגע באצאל סטאב |
| IDNYC מוניציפאלע ID | NYC Access-A-Ride קארטל |
| אמעריקאנער סערטיפיקאט פון נאטוראליזאציע (מוז זיין די אריגינעלע) | NYC MTA Reduced-Fare MetroCard |
| מיליטערישע ID קארטל (מוז זיין פאר דער מענטש וועמענס געבורט סערטיפיקאט ווערט פארלאנגט) | |

| טאוול 2. באווייז פון אדרעס פאדערונגען | |
|---|---|
| **קאטאגאריע 2: באווייז פון אדרעס פאדערונגען** | |
| אויב איר האט נישט קיין איינס פון די קאטאגאריע 1 דאקומענטן, קענט איר אויך אריינגעבן **צוויי** פון די פאלגנדע באווייז פון אדרעס דאקומענטן. די דאקומענטן מוזן האבן א דאטום אין די לעצטע 60 טעג און שילדערן אייער נאמען און אדרעס.<br>צום ביישפיל, איר קענט אריינגעבן איין טעלעפאן ביל פון די לעצטע 60 טעג און איין בריוו פון א רעגירונגס אגענטור פון די לעצטע 60 טעג. אדער, קענט איר אריינגעבן צוויי טעלעפאן בילס, ווילאנג זיי זענען ביידע פון די לעצטע 60 טעג. אייער געבורט סערטיפיקאט וועט ווערן געשיקט דורך די פאסט צום אדרעס וואס איז אויף די אריינגעגעבענע דאקומענטן. | |
| יוטיליטי ביל | אפיציעלע רעגירונגס בריוו וואס איז אדרעסירט צו אייך |
| טעלעפאן ביל | רענט אינוואויס (בריוו פון מערגעדזש אדער ליעס) |
| מעדיצינישע ביל | |

איר קענט נישט אריינגעבן קיין איינס פון די דאקומענטן פון טאוולען 1 אדער 2, רופט **311** אדער שיקט אן אימעיל צו [nycdohvr@health.nyc.gov](mailto:nycdohvr@health.nyc.gov).
אויב איר רופט פון אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, זאלט איר רופן 212-639-9675.

## ערשטע טייל: וואס איז אייער נאמען?

**איר מוזט זיין כאטש 18 יאר אלט. ביטע שרייבט קלאר און נוצט נאר שווארצע טינט. נוצט דער נאמען וואס שטייט יעצט אויף אייער ID. אלע פראגעס אונטן מוזן ווערן פארענטפערט. געבורט סערטיפיקאטן וועלן נישט קענען געשיקט ווערן אויף פאסט צו אדרעסן וועלכע האבן דעם טיטל "in care of".**

| ערשטע נאמען | מיטלסטע נאמען | לעצטע נאמען |
|---|---|---|
| | | |

| פאסט אדרעס | אפארטמענט נומער |
|---|---|
| | |

| סיטי | סטעיט | זיפ קאוד |
|---|---|---|
| | | |

| הויפט טעלעפאן נומער | אלטערנאטיווער טעלעפאן נומער (אויב שייך) |
|---|---|
| | |

| אימעיל אדרעס |
|---|
| |

פארבינדונג מיט דער מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט:

- ☐ איך פארלאנג מיין אייגענע געבורט סערטיפיקאט.
- ☐ איך בין די מאמע/עלטערן פון דער מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט.
- ☐ איך בין דער טאטע/עלטערן פון דער מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט.

## צווייטע טייל: געבורט סערטיפיקאט אינפארמאציע

**פאר דעם טייל, זאלט איר שרייבן די נעמען וויאזוי זיי שטייען יעצט אויף די געבורט סערטיפיקאט וואס איר פארלאנגט.**

נאמען אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט אזוי ווי עס שטייט **יעצט**:

| ערשטע נאמען | מיטלסטע נאמען | לעצטע נאמען |
|---|---|---|
| | | |

געבורט דאטום וואס שטייט אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט (יאר/טאג/מאנאט): ☐☐/☐☐/☐☐☐☐

אויב איר ווייסט נישט דאס פונקטליכע געבורט דאטום, זאלט איר אויספילן די אומגעפערע צייט אויף צו זוכן (יאר/טאג/מאנאט) (זעט בלאט 5 פאר אינפארמאציע איבער די פרייז פון זוכן):

אנהויב דאטום: ☐☐/☐☐/☐☐☐☐ ענדע דאטום: ☐☐/☐☐/☐☐☐☐

דזשענדער אויף די געבורט סערטיפיקאט: ☐ אינגל ☐ מיידל ☐ X*

*X מיינט א דזשענדער וואס איז נישט דווקא אינגל אדער מיידל (א נאן-ביינערי דזשענדער אידענטיטעט).

בארא וואו דאס קינד איז געבוירן (לייזט ליידיג אויב איר ווייסט נישט):

☐ Bronx ☐ Brooklyn ☐ Manhattan ☐ Queens ☐ Staten Island

**מאמע/עלטערן'ס נאמען פון אלץ מיידל אויף די געבורט סערטיפיקאט:**

| ערשטע נאמען | לעצטע נאמען פון אלץ מיידל |
|---|---|
| | |

**טאטע/עלטערן'ס נאמען אויף די געבורט סערטיפיקאט:**

| ערשטע נאמען | לעצטע נאמען |
|---|---|
| | |

**געבורטספלאץ אויפ'ן געבורט סערטיפיקאט (לאזט ליידיג אויב איר ווייסט נישט):**

| נאמען פון שפיטאל, געבורט צענטער, אדער, אויב אינדערהיים, גאס אדרעס, סיטי, סטעיט, זיפ קאוד |
|---|
| |

## דריטע טייל: סיבה פאר'ן פארלאנג

**ציינט דאס סיבה פארוואס איר פארלאנגט א געבורט סערטיפיקאט און וויפיל איר פארלאנגט.**

ס'זענען דא צוויי סארטן געבורט סערטיפיקאטן. איר קענט בעטן וועלכע סארט איר ווילט. די פרייז איז די זעלבע.

- **קורצע פארמאט:** מערסטנס מענטשן בעטן א קורצע פארמאט געבורט סערטיפיקאט. מען קען עס נוצן פאר מערסטנס דאמעסטישע צוועקן אין די פאראייניגטע שטאטן, אזוויי צו באקומען א דרייווער'ס לייסענס אדער אן אמעריקאנער פאספארט. די סערטיפיקאט רעכנט אויס די ערשטע און לעצטע נעמען פון דער מענטש וועמענס נאמען שטייט אויפ'ן סערטיפיקאט און זייער געבורטס פלאץ, געבורט דאטום, דזשענדער ביים געבורט, פייל דאטום און מאמע/עלטערן'ס און טאטע/עלטערן'ס ערשטע און לעצטע נעמען.
- **לאנגע פארמאט:** די לאנגע פארמאט געבורט סערטיפיקאט רעכנט אויס די זעלבע אינפארמאציע ווי די קורצע פארמאט געבורט סערטיפיקאט, ווי אויך נאך אינפארמאציע אזוויי די צייט פונעם געבורט, נאמען פון די שפיטאל און עלטערן(ס) געבורטס פלאץ/פלעצער. אזא סערטיפיקאט ווערט געווענליך גענוצט פאר אינטערנאציאנאלע צוועקן, אזוויי א דאפלטע בירגערשאפט, אינטערנאציאנאלע אדאפשין, אינטערנאציאנאלע הייראט און צו באקומען אן אפאסטיל.

**אין דעם פאלגנדן טאוול, ציינט די סיבה פארוואס איר פארלאנגט א געבורט סערטיפיקאט. <u>די סיבה וואס איר וועלט אויס וועט באשטימען אויב איר וועט באקומען א קורצע פארמאט אדער א לאנגע פארמאט געבורט סערטיפיקאט.</u>**

| פארוואס איר פארלאנגט א געבורט סערטיפיקאט: | וואס איר וועט באקומען: |
|---|---|
| ☐ אמעריקאנער פאספארט אדער רייזע<br>☐ ירושה אדער עסטעיט שליכטונג (בלויז אין די פאראייניגטע שטאטן)<br>☐ הייראט (בלויז אין די פאראייניגטע שטאטן)<br>☐ לעגאלע צוועקן<br>☐ דרייווער'ס לייסענס<br>☐ רעגירונג הילף אדער בענעפיטן<br>☐ ארבעט<br>☐ שולע אדער ספארטס<br>☐ אינשורענס, פענסיע אדער ריטייערמענט<br>☐ סאושעל סעקיוריטי אדער בענעפיטן<br>☐ איינקונפט שטייער<br>☐ אדאפשין (בלויז אין די פאראייניגטע שטאטן)<br>☐ פערזענליכע רעקארדס אדער באנוץ<br>☐ עפעס אנדערש | קורצע פארמאט געבורט סערטיפיקאט |
| ☐ אפאסטיל<br>☐ דאפלטע בירגערשאפט אדער אימיגראציע<br>☐ אדאפשין (בלויז אינטערנאציאנאל)<br>☐ הייראט (בלויז אינטערנאציאנאל)<br>☐ צייט פונעם געבורט<br>☐ אינטערנאציאנאלע באנוץ, אדער אויסלענדישע באנוץ<br>☐ אינטערנאציאנאלע ירושה אדער עסטעיט שליכטונג<br>☐ עפעס אנדערש | לאנגע פארמאט געבורט סערטיפיקאט |

וויפיל געבורט סערטיפיקאטן וועט איר דארפן (מערסטנס דריי)? ☐ איינס ☐ צוויי ☐ דריי

## פערטע טייל: נאטאריזירט אייער אפליקאציע

**די אפליקאציע מוז ווערן נאטאריזירט. איר דארפט בלויז נאטאריזירן דאס בלאט. איר מוזט ארייננעבן א קאפיע פון אייער יעצטיגע ID צוזאמען מיט די אפליקאציע. זעט טאוול 1 אויף בלאט 2 פאר בארעכטיגטע סארטן ID.**

| SIGNATURE OF APPLICANT (אונטערשריפט פון אפליקאנט) | DATE (MONTH/DAY/YEAR) דאטום: (יאר/טאג/מאנאט) |
|---|---|
| | ☐☐/☐☐/☐☐☐☐ |

| To be completed by notary. (צו ווערן פארענדיגט דורך דער נאטעריי) | Notary Public Seal |
|---|---|
| State of ______________________<br>County of ______________________<br>Subscribed and sworn before me:<br>this _________ day of _________, 20_________<br>______________________<br>Notary Public Signature | |

**א קאפיע פון א געבורט סערטיפיקאט קען נאר ווערן ארויסגעגעבן צום מענטש צו וועמען דער געבורט רעקארד באציעט זיך, אויב ערוואקסן, אדער צו איינע פון די עלטערן. עס איז א פארלעצונג פון געזעץ צו מאכן א פאלשע, נישט אמת'דיגע אדער פארפירנדע דערקלערונג אדער צו פעלשן אן אונטערשריפט פון אן אנדערע מענטש אויף דעם אפליקאציע. פארלעצונגען זענען מיסדימינערס און קען ווערן באשטראפט מיט א קנס פון ביז $2,000.**

---

### פרייזן און וויאזוי ארייננצוגעבן אייער אפליקאציע

יעדע געבורט סערטיפיקאט קאסט $15. איר קענט בעטן ביז דריי געבורט סערטיפיקאטן. אויב איר ווייסט נישט דאס פונקטליכע געבורט דאטום און איר נוצט אן אומגעפערע צייט אנשטאט דעם, איז דא נאך א זוכן פרייז פון $3 פאר יעדע נאכפאלגנדע יאר דורכגעזוכט נאך צוויי יאר.

**מיר נעמען נאר אן טשעקס אדער מאני ארדערס. קעש אדער סטארטער טשעקס וועלן נישט ווערן אנגענומען.**

**מאכט זיכער צו טון די פאלגנדע:**

- פילט אויס די ערשטע, צווייטע, דריטע און פערטע טייל פונעם אפליקאציע.
- באקומט א נאטאריזאציע פאר די פערטע טייל.
- געבט אריין א קאפיע פון אייער יעצטיגע אונטערגעשריבענע בילד ID, אדער באווייז פון אדרעס (זעט טאוולען 1 און 2).
- שיקט אריין די געלט מיט א טשעק אדער מאני ארדער.

| רעכנט אויס די פרייז פון אייער פארלאנג | |
|---|---|
| צאל געבורט סערטיפיקאטן פארלאנגט (מערסטנס דריי) | _______________ |
| ארויסגערעכנט מאל $15 פאר יעדע פארראכטענע סערטיפיקאט קומט אויס צו: | $_______________ |
| מיט נאך $3 זוכן פרייז פאר יעדע איבעריגע יאר געזוכט נאך צוויי × ___ יאר: | $_______________ |
| ווי אויך פרימיום פאסט סערוויס פראצעסירונג פרייז: | $7.50 |
| **סך הכל סומע בייגעלייגט (די ארויסגערעכנטע סומע פון אויבן):** | **$_______________** |

**שיקט צו:**
NYC Department of Health and Mental Hygiene
**Attention: Premium BC Request**
125 Worth St., Room 119, CN-4
New York, NY 10013

פאר הילף מיט די אפליקאציע, רופט **311** אדער שיקט אן אימעיל צו nycdohvr@health.nyc.gov. אויב איר רופט פון אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, זאלט איר רופן 212-639-9675.